שנו בתלמוד ירושלמי מי שסרח על חבירו תחלה והלך ובקש ממנו מחילה פעם ראשונה ושניה ולא קבל ממנו יעשה שורות של בני אדם ויפייסנו בפניהם הדא הוא דאמר ישור על אנשים ויאמר חטאתי לפלוני ופרי נחמתי ואם עשה כן פדה נפשו ממות דכתיב בתריה פדה נפשו מעבור בשחת.

---

(א) כל אדם חייב ליתן צדקה יעדער מענטש מוז געבין צדקה אפילו עני המתפרנס מן הצדקה חייב ליתן ממה שיתנו לו אפילו דער ארעם מאן וואס ווערט געשפייזט פון צדקה, מוז ער געבין צדקה צו איין אנדער ארעם מאן, פון די צדקה וואס מען האט אים גיגעבין ומי שנותן פחות ממה שראוי לו ליתן און דער מענטש וואס גיט צדקה ווייניגער פון ווי פיל ער דארף געבין בית דין כופין אותו ומכין אותו מכות מרדות עד שיתן מה שאמדותו ליתן בית דין נייטין אים און שלאגין אים מלקות אזוי לאנג ביז ער מוז געבין ווי פיל בית דין האבין אפגעשאצט ער זאל געבין ויורדים לנכסיו בפניו ולוקחין ממנו מה שראוי לו ליתן און בית דין גייען אריין צו אים אין שטוב ווען ער איז אין שטוב און נעמען פון אים אויף צדקה וויא פיל זייא האבין אפגעשאצט ער דארף געבין: (ב) ממשכנים על הצדקה אפילו בערב שבת אז איינער וויל ניט געבין צדקה, מעג מען נעמען פון אים אמשכון אויף צדקה אפילו ערב שבת: (ג) יתומים אין פוסקין עליהם צדקה אפילו לפדיון שבוים אויב עס' זענען דא קליינע יתומים נעמט מען ניט פון זיי צדקה, אפילו מען דארף דיא צדקה אוים צו לייזין מיט זיי יודין וואס זענען געפאנגען גיווארין צו גזלנים, נעמט מען אויך ניט פון קליינע יתומים אפילו יש להם ממון הרבה אפילו זייא האבין געירשט פיל געלט אלא אם כן פוסקין עליהם

שנו בתלמוד ירושלמי מען האט גילערינט אין דיא גמרא ירושלמי מי שסרח על חבירו תחלה ווער עס האט פריער געזינדיגט צו זיין חבר, למשל ראובן האט געזינדיגט צו שמעון, אפילו נאכדעם האט שמעון געזינדיגט צו ראובן והלך ובקש ממנו מחילה פעם ראשונה ושניה ולא קבל ממנו און ראובן איז געגאנגען צו שמעון איין מאהל און צווייא מאהל בעטין ער זאל אים מוחל זיין, און שמעון האט ניט אנגענומען דאס בעטין און וויל ניט מוחל זיין יעשה שורות של בני אדם ויפייסנו בפניהם זאל ראובן נעמען עטליכע מענטשין און זאל זיי שטעלין נעבין שמעון און זאל שמעון איבערבעטין, און די מענטשין זאלין הערין ווי ער בעט שמעון ער זאל אים מוחל זיין הדא הוא דאמר דאס איז וואס איוב האט גיזאגט (איוב לג) ישור על אנשים ויאמר חטאתי לפלוני ופרי נחמתי ער זאל שטעלין אשורת מענטשין און זאל זאגין פאר זייא איך האב געזינדיגט צו דעם מענטש און איך זאב חרטה ואם עשה כן פדה נפשו ממות און אויב זער האט אזוי גיטאהן האט ער זיך אויסגעלייזט פון טויט דכתיב בתריה ווארום עס שטייט נאך דעם פסוק (ישור על אנשים) פדה נפשו מרדת שחת זער האט זיך

אבל אם הבעל מוחה אפילו כל שהוא אסור לקבל מהם :

הַבַּיִת אָדֶער דֶער פָּאטֶער זָאגִין אֲבָל אִם הַבַּעַל מוֹחֶה אָבֶּער אַז דֶער מַאן (אָדֶער דֶער בַּעַל הַבַּיִת אָדֶער דֶער פָּאטֶער) זָאגִין צוּ דִי גַבָּאִים אִיר זָאלְט נִיט נֶעמֶען פוּן זֵיי צְדָקָה וָוארוּם דָאס אִיז מַיין גֶעלְט אוּנ אִיךְ הַיים נִיט גֶעבִּין אָסוּר אֲפִילוּ כָּל שֶׁהוּא אָסוּר לְקַבֵּל מֵהֶם אֲפִילוּ גָאר דָאס קְלֶענְסְטֶע טָאר מֶען נִיט נֶעמֶען פוּן זֵיי :

סלא יהיה נכשל על ידם :

זָאךְ שֶׁלֹּא יִהְיֶה נִכְשַׁל עַל יָדָם עֶר זָאל נִיט גֶעשְׁטְרוֹיכוּלְט וֶוערִין רוּרְךָ זֵיי , וָוארוּם אַז עֶר וֶועט זֵיי נִיט מוֹחֵל זַיין , וֶועלִין זֵייא דָאךְ גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין פוּן זַיינֶעטְוֶועגִין , אוּנ עֶס אִיז נִיט גוּט פַאר דֶעם צַדִּיק אַז אֵיינֶער וֶוערְט גִישְׁטְרָאפְט פוּן זַיינֶעטְוֶועגִין :

## לך יום ד תורה

### אונקלוס

לתמשיך מתית דז"א יהוה נפש י יה יהו יהוה. רוח יוד הא ואו הא. נשמה יהוה חיה יחידה ו דמילוי רין אל שם ב"ן שבעשיה בניקוד חולם :

טז וּלְאַבְרָם הֵיטִיב בַּעֲבוּרָהּ וַיְהִי־לוֹ
צֹאן־וּבָקָר וַחֲמֹרִים וַעֲבָדִים וּשְׁפָחֹת
וַאֲתֹנֹת וּגְמַלִּים׃ יז וַיְנַגַּע יְהוָה ׀ אֶת־
פַּרְעֹה נְגָעִים גְּדֹלִים וְאֶת־בֵּיתוֹ עַל־
דְּבַר שָׂרַי אֵשֶׁת אַבְרָם׃ יח וַיִּקְרָא
פַרְעֹה לְאַבְרָם וַיֹּאמֶר מַה־זֹּאת
עָשִׂיתָ לִּי לָמָּה לֹא־הִגַּדְתָּ לִּי כִּי
אִשְׁתְּךָ הִוא׃ יט לָמָה אָמַרְתָּ אֲחֹתִי

טז וּלְאַבְרָם אוֹטִיב בְּדִילָהּ
נְהַווֹ לֵיהּ עָאן וְתוֹרִין
וַחֲמָרִין וְעַבְדִין וְאַמְהָן
וְאַתְנָן וְגַמְלִין : יז וְאַיְתִי
יְיָ עַל פַּרְעֹה מַכְתָּשִׁין
רַבְרְבִין וְעַל אֱנָשׁ בֵּיתֵיהּ
עַל עֵיסַק שָׂרַי אִתַּת
אַבְרָם : יח וּקְרָא פַּרְעֹה
לְאַבְרָם וַאֲמַר מָה דָא
עֲבַדְתְּ לִי לְמָה לָא חַוֵּיתָא
לִי אֲרֵי אִתְּתָךְ הִיא :
יט לְמָא אֲמַרְתְּ אֲחָתִי הִיא

תולדות אהרן

לאברם . מגיעה נט : וינגע ה'. פרקין יז :

### רש"י

(טז) ולאברם היטיב. פרעה בעבורה : (יז) וינגע ה' וגו'. במכת ראתן לקה ב שהתשמיש קשה לו (ב"ר): ואת ביתו. כתרגומו ועל אנש ביתיה (ומדרשו לרבות כותליו ועמודיו וכליו כר"י) : על דבר שרי. ע"פ

### שפתי חכמים

ב כ"ד מיני סחין הם ואין לך רע מכולם לתשמיש אלא ראתן וכו לקה פרעה דאל"כ מנא ידע שהיא אשתו שמיד קרא לאברהם :

### פירוש לתורת אלהים

(טז) וּלְאַבְרָם הֵיטִיב בַּעֲבוּרָהּ אוּנ צוּ אַבְרָם הָאט פַּרְעֹה גוּטְס גִיטוּעֶן וֶועגִין אִיר וַיְהִי לוֹ אוּנ עֶס אִיז גִיוֶועז צוּ אִים עֶר הָאט אִים גִיגֶעבִּין צֹאן וּבָקָר שָׁאף אוּנ רִינְדֶער וַחֲמוֹרִים אוּנ אֵייזְלֶען וַעֲבָדִים וּשְׁפָחוֹת אוּנ קְנֶעכְט אוּנ דִינְסְט מֵיידִין וַאֲתוֹנוֹת וּגְמַלִּים אֵייזְלֶען אוּנ קֶעמְלֶעךְ : (יז) וַיְנַגַּע יְיָ אֶת פַּרְעֹה נְגָעִים גְּדוֹלִים וְאֶת בֵּיתוֹ אוּנ גָאט הָאט גִיפְּלָאגְט פַּרְעֹה אוּנ זַיין הוֹיז גִיזִינְד מִיט גְרוֹיסֶע פְּלָאג עַל דְּבַר שָׂרַי אֵשֶׁת אַבְרָם וֶועגִין שָׂרַי דָאס וַוייבּ פוּן אַבְרָם כְּלוֹמַר וַוייל עֶר הָאט גִינוּמֶען שָׂרַי צוּ זִיךְ , (רש"י שְׁרַייבְּט וְעַל דְּבַר שָׂרַי) אִיז טַייטְשׁ דוּרְךְ דִיא רֵייד פוּן שָׂרַי דֶען נֶעבִּין שָׂרַי אִיז גִישְׁטַאנֶען אַמַּלְאָךְ אוּנ זִיא הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶעם מַלְאָךְ שְׁלָאג אוּנ עֶר הָאט גִישְׁלָאגִין) : (יח) וַיִּקְרָא פַּרְעֹה לְאַבְרָם אוּנ פַּרְעֹה הָאט גִירוּפִין צוּ אַבְרָם וַיֹּאמֶר אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט מַה זֹּאת עָשִׂיתָ לִּי וָוארוּם הָאסְטוּ מִיר דָאס גִיטוּעֶן לָמָּה לֹא הִגַּדְתָּ לִּי וָוארוּם הָאסְטוּ מִיר נִיט גִיזָאגְט כִּי אִשְׁתְּךָ הִוא אַז דָאס אִיז דַיין וַוייבּ : (יט) לָמָה אָמַרְתָּ

### ספר הישר

דֶעם קַאסְטִין מִיר הֵיילֶען זֶעהֶן וָואס לִיגְט אִין דֶעם קַאסְטִין , אוּנ פוּן דֶעם וֶועסְטוּ גֶעבִּין אַצֶּענְטִיל צוּם מֶלֶךְ , הָאט אַבְרָם גִיזָאגְט דֶעם קַאסְטִין וֶועל אִיךְ נִיט עֶפֶענֶען , נָאר וִוי פִיל אִיר וֶוילְט וֶועל אִיךְ אַייךְ גֶעבִּין , הָאבִּין דִי שָׂרִים גִיזָאגְט צוּ אַבְרָם אִין דֶעם קַאסְטִין אִיז גֶעוִויס דָא בְּרִילַאנְטִין , גִיב אוּנְז אַצֶּענְטִיל , הָאט אַבְרָם גִיזָאגְט צוּ . וִוי שַׁאצְט אַפ

להמשיך מנ"ה ה"א צבאות נפש צ צב צבא צבאו צבאות רוח יהוה נשמה דנצח אדני נשמה דהוד .יְהֹוָה חיה יחידה דנצח יְהֹוָה חיה יחידה דהוד אל שם ב"ן שבעשיה:

א הֵן יֵבֹשׁוּ וְיִכָּלְמוּ כֹּל הַנֶּחֱרִים בָּךְ יִהְיוּ כְאַיִן
וְיֹאבְדוּ אַנְשֵׁי רִיבֶךָ׃ ב תְּבַקְשֵׁם וְלֹא תִמְצָאֵם
אַנְשֵׁי מַצֻּתֶךָ יִהְיוּ כְאַיִן וּכְאֶפֶס אַנְשֵׁי מִלְחַמְתֶּךָ׃
ג כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מַחֲזִיק יְמִינֶךָ הָאֹמֵר לְךָ
אַל־תִּירָא אֲנִי עֲזַרְתִּיךָ׃ ד אַל־תִּירְאִי תּוֹלַעַת יַעֲקֹב
מְתֵי יִשְׂרָאֵל אֲנִי עֲזַרְתִּיךְ נְאֻם־יְהוָה וְגֹאֲלֵךְ קְדוֹשׁ
יִשְׂרָאֵל׃ ה הִנֵּה שַׂמְתִּיךְ לְמוֹרַג חָרוּץ חָדָשׁ בַּעַל
פִּיפִיּוֹת תָּדוּשׁ הָרִים וְתָדֹק וּגְבָעוֹת כַּמֹּץ תָּשִׂים׃
ו תִּזְרֵם וְרוּחַ תִּשָּׂאֵם וּסְעָרָה תָּפִיץ אוֹתָם וְאַתָּה
תָּגִיל בַּיהוָה בִּקְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל תִּתְהַלָּל׃

א הא יבהתון ויתכנען כל עממיא דהוו מתגרין בך יהון כלמא ויבדון אנשי דינך: ב תבעינון ולא תשכחינון לאנשי מצותך יהון כלמא וכלא מידעם גברין דהוו מתגרין למעבד עמך קרב: ג ארי אנא יי אלהך מתקיף ימינך דאמרית לך לא תדחל מימרי בסעדך: ד לא תדחלון שבטיא דבית יעקב זרעיתא דישראל מימרי בסעדכון אמר יי ופרקיכון קדישא דישראל: ה הא שויתיכון למורג תקיף חדת מלי סמפורין תקטל פלחי כוכביא ותשיצי ופלחי כוכביא כמוצא תשני: ו תבדרינון ורוחא תיטולינון ומימריה כעלעולא יקשא יבדר יתהון ואת תבוע במימרא דיי בקדישא דישראל תשתבח:

### רש"י

(א) הנחרים. המתגרים בך: (ב) אנשי מצותך. אנשי ריבך: (ד) תולעת יעקב. משפחת יעקב החלושה כתולעת: מתי ישראל. מספר ישראל: (ה) למורג. מגירה עשוי חריצין חריצין: בעל פיפיות. בן החריצין: תדוש הרים. עכומ"ז ושרים: (ו) תזרם. תזרה אותם כמזרה: ורוח תשאם. לגיהנם:

### מצודת דוד

(א) הן יבושו. באחרית הדבר יבושו כל הכועסים בך: אנשי ריבך. המריבים עמך: (ב) תבקשם. אפילו אם תבקשם לא תמצא את אנשי מצותך: יהיו כאין וגו'. כפל הדבר פעמים רבות לגודל האבדון: (ג) מחזיק ימינך. אוחז ימינך לבל תפול: האומר לך וכו'. ר"ל הואיל ואני האומר לך לזה אל תירא כי אעזור לך: (ד) תולעת יעקב. עדת יעקב החלושים כתולעת ואין כחה אלא בפה כי התולעת כתולעת הזה שבפיה מנסרת הארזים: אני עזרתיך. מאז: וגואלך. ואהיה גואלך לעתיד אני קדוש ישראל: (ה) הנה שמתיך. שמתי אותך להיות מורג העשוי חריצים והוא חדש החדוד ביותר והוא בעל פיפיות רבות: תדוש הרים. ר"ל תכלה את עובדי כוכבים: (ו) תזרם. אתה תפזרם והרוח תשאם למרחוק: וסערה וגו'. כפל הדבר במ"ש: בה'. בתשועת ה': תתהלל. תתפאר בעצמך במה שתלית בטחונך בקדוש ישראל:

דעם פירוש עברי טייטש געפינט מען ביא דער הפטורה פון דער וואך:

## תרגום | כתובים משלי ג

להמשיך מיסוד ומלכות ח"א שין דלת יוד נפש שין שין דלת שין דלת יוד רוח יאהדונהי נשמה דיסוד א אד אדנ אדני נפש אדני רוח אלף דלת נון יוד נשמה דמלכות יו הו וו הו חיה יחידה דיסוד יְהֹוָה חיה יחידה דמלכות אל שם ב"ן שבעשיה:

א אַשְׁרֵי אָדָם מָצָא חָכְמָה וְאָדָם יָפִיק תְּבוּנָה׃ ב כִּי טוֹב

א טובוהי לבר נשא דאשכח חכמתא ובר נשא דמפיק ביונתא: ב מטול דטבא

### רש"י

(א) ואדם יפיק. יוציא. שלומד חכמה עד שסגורה

### מצודת דוד

(א) ואדם. מוסב על אשרי לומר אשרי לאדם אם מוציא התבונה מן החכמה ר"ל מבין דבר מתוך דבר: (ב) כי טוב. מסחר החכמה טובה מסחר כסף כי מי שנוטל מחיר הכסף לא ישאר אח"כ הכסף בידו ולא המחיר ביד האחר ולא כן בדבר

### פירוש ע"ט

(א) אַשְׁרֵי אָדָם מָצָא חָכְמָה וואוהל דעם מענטש וואס האט געפונען חכמה, ער זאל וויסען די חכמה פון הקב"ה מיט דעם וואס ער שטראפט אים וְאָדָם יָפִיק תְּבוּנָה און עס איז וואוהל דעם מענטש וואס נעמט ארויס אפארשטאנדיגקייט פון דיא חכמה וואס הקב"ה האט געטאהן און ער טוהט טאקי תשובה אויף זיין ביטול עבירות:
(ב) כִּי טוֹב סַחְרָהּ מִסְּחַר כָּסֶף ווארום עס איז בעסער דער האנדיל פון עולם הבא ווי דער האנדיל פון עולם הזה וואס זיין האנדיל איז נאר געלט, עס איז בעסער צו לערנען תורה און טאהן מצות ווענען עולם הבא, ווי צו לערנען תורה און טאהן

ואם הוזק בה בעל [א] החבית חייב בנזקו. [ב] נשברה בדו ברה"ר והוחלק אחד במים. או שלקה בחרסיה חייב. ר' יהודה אומר במתכוין חייב באינו מתכוין פטור. ב [ג] השופך מים ברה"ר והוזק בהן אחר חייב [ד] בנזקו. המצניע את הקוץ ואת הזכוכית. והגודר את גדרו [ה] בקוצים. וגדר [ו] שנפל לרה"ר. והוזקו בהן אחרים חייב בנזקן:

דרך בני אדם להתבונן בדרכים (א): ואם הוזק בה בעל החבית חייב. ואפילו הפקירה שכל המפקיר נזקיו שלא היה לו רשות מתחלה לעשותן כאלו לא הפקירן: או שלקה בחרסיה חייב. דסבר נתקל פושע היא (ב) ולאו אונס הוא ולכך חייב: במתכוין חייב. אם נתכוין לזכות בחרסיה (ג) ובמים אחר שנשבר כדו חייב בהזיקו דהוי ליה בורו שהזיק ואם לא נתכוין לזכות בהן הואיל ועקרו אנוס הוא דסברי נתקל לאו פושע הוא. הרי החרסים והמים הפקר (ד) לאחר שנאנס ולפיכך פטור והלכה כרבי יהודה דנתקל לאו פושע הוא ומאחר דאנוס הוא ולא נתכוין לזכות בחרסים ובמים הוי כאלו לא היו מעולם שלו ופטור על נזקיהם: ב השופך מים ברה"ר. אע"ג דברשות קעביד כגון בימות הגשמים שמותר לשפוך מים ברה"ר אפ"ה אם הוזק בהן אחר חייב בנזק: המצניע את הקוץ וכו'. וכגון שהצניען ברשות הרבים וכן הגודר גדרו בקוצים יהפריחן לרה"ר אבל המצניע בתוך שלו והוזק בהן אחר (ה) פטור שאין דרך בני אדם להתחכך בכתלים:

(א) משום דאדם בעי מתשבות הוא ואגב טרדא דלביה לאו אורחא לעיוני ומיזל. נ"י ועתוי"ט:. [א] החבית. פתח בכד וסיים בחביות לומר לך היינו כד היינו חביות לאתוי נ"מ למקח וממכר. עיין בגמרא: [ב] נשברה. שלא הניח אלא נתקל ונשברה והיינו דהר"ב קרי ליה נתקל למזיק בכדי שנשבר: (ב) כלומר ובאחר נפילה פליגי דהא בדר"י מפרש במתכוין אם נתכוין לזכות בחרסות היינו אחר הנפילה דאי בשעת נפילה לא שייך לומר נתכוין לזכות בחרסיה אלא מתכוין לשוברה כפרש"י וק' דא"כ תרתי למ"ל מים וחרסים ובגמרא חדא לשעת נפילה (דביה נמי פליגי) וחדא לאחר נפילה. ועתוי"ט: (ג) דמתכוין להשליכה ממש ליכא למימר דא"כ היה משמע דבכגון האי הוא דמחייב ר"י. אבל אם לא כיון להשליכה אע"ג דהוי פושע לגבי נפילה פטור. וליתא דע"כ לא פטרי רבנן דר"מ אלא במפקיר נזקיו דנתקל: (ד) הוי ליה כהפקר דאתי ממילא. הרי"ף: [ג] השופך כו'. ואפילו אפקרינהו דהכא שופך ומצניע שלא באונס. וקי"ל לעיל דמפקיר נזקיו שלא באונס לכ"ע חייב. נ"י: [ד] בנזקו. פירש דעלמו ולא כליו: [ה] בקוצים. שעשה גדר קוצים דסתם גדר של אבנים הוא דכתיב וגדר אבניו נהרסה. רש"י: (ה) שנסמך אדם שם יותר מן הראוי. נ"י: [ו] שנפל.

~~~~~

דער בַעל הַבַיִת פון די קְרוג הָאט דָאך גֶעוָואסְט אַז אִין גַאס גֵייעֶן פִיל מֶענְטְשִׁין און עֶס אִיז נִיט רֶערשְׁטַייגֶער מֶענְטְשִׁין זָאלְין אַכְטוּנְג גֶעבִּין אויבּ עֶס שְׁטֵייט עֶפֶּעס אִין גַאס אָדֶער נֵיין, הָאט עֶר די קְרוּג נִיט גֶעדַארְפְט שְׁטֶעלִין אִין גַאס וְוא מֶענְטְשִׁין גֵייעֶן וְאִם הוּזַק בָּה און אויבּ עֶר הָאט זִיך גִיטָאהֶן אַשָׁאדִין מִיט דִי קְרוּג בַּעַל הֶחָבִית חַיָּיב בְּנִזְקוֹ דֶער בַּעַל הַבַּיִת פון דִיא קְרוּג דַארְף בַּצָאהְלִין זַיין שָׁאדִין וַוייל דָאס אִיז גְלַייך וִוי עֶר וָואלְט גֶעמַאכְט אַגְרוּבּ אִין גַאס נִשְׁבְּרָה כַּדוֹ בִּרְשׁוּת הָרַבִּים אויבּ אֵיינֶער הָאט גִיטְרָאגִין אַקְרוּג וַואסֶער אִין גַאס, און דִיא קְרוּג אִיז צוּ בְּרָאכִין גִיוָוארִין וְהוּחְלַק אֶחָד בְּמַיִם און אֵיינֶער הָאט זִיך אוים גֶעגְלִיטְשְׁט אויף דִי וַואסֶער אוֹ שֶׁלָּקָה בְּחַרְסֶיהָ אָדֶער עֶר הָאט זִיך אַקְלַאפּ גִיטָאהֶן אָן דִיא שַׁארְבּוּנְס חַיָּיב דֶער בַּעַל הַבַּיִת פון דִיא קְרוּג דַארְף בַּצָאהְלִין דֶעם שָׁאדִין וָוארוּם עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַכְטוּנְג גֶעבִּין דֶער קְרוּג זָאל נִיט צוּ בְּרָאכִין וֶוערִין און אַז עֶס אִיז יָא צוּ בְּרָאכִין גִיוָוארִין הָאט עֶר גֶעדַארְפְט דִיא שַׁארְבּוּנְס צוּ נֶעמֶען און דִי וַואסֶער אָפּ צוּ-טְרִיקֶענִין, אַז עֶר הָאט דָאס נִיט גִיטָאהֶן אִיז גְלַייך וִוי עֶר הָאט ווילֶענְדִיג גֶעלֵייגְט דֶעם שָׁאדִין, רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט אויף דֶעם וָואס דֶער קְרוּג אִיז צוּ בְּרָאכִין גִיוָוארִין קֶען מֶען אִים נִיט בֶּעשׁוּלְדִיגֶען, וָוארוּם דֶער קְרוּג אִיז דָאך צוּ בְּרָאכִין גִיוָוארִין נִיט ווילֶענְדִיג, נָאר אויף דִיא שַׁארְבּוּנְס מִיט דִי וַואסֶער אִיז אַזוֹי דֶער דִין בְּמִתְכַּוֵּין אויבּ דֶער בַּעַל הַבַּיִת פון דִיא קְרוּג הָאט גִיוָואלְט צוּ נֶעמֶען דִיא שַׁארְבּוּנְס פַאר זִיך און דִיא וַואסֶער הָאט עֶר אויך גִיוָואלְט אוים שֶׁעפִּין פַאר זִיך, אִיז דָאך דִיא שַׁארְבּוּנְס זַיינֶע און דִיא וַואסֶער זַיינֶע, אַז אֵיינֶער הָאט זִיך אוים גֶעגְלִיטְשְׁט אויף דִיא וַואסֶער אָדֶער אַקְלַאפּ גִיטָאהֶן אָן דִיא שַׁארְבּוּנְס חַיָּיב דַארְף דֶער בַּעַל הַבַּיִת פון דִיא קְרוּג בַּצָאהְלִין דֶעם שָׁאדִין וָוארוּם עֶס אִיז גְלַייך ווי זַיין בְּהֵמָה וָואלְט גֶעמַאכְט דֶעם שָׁאדִין בְּאֵינוֹ מִתְכַּוֵּין אַז דֶער בַּעַל הַבַּיִת פון דִיא קְרוּג הָאט מַפְקִיר גִיוֶוען דִיא שַׁרְבּוּנְס מִיט דִי וַואסֶער, עֶר ווייל זַייא נִיט צוּ נֶעמֶען, און אֵיינֶער הָאט זִיך אויסְגֶעגְלִיטְשְׁט אִין דִיא וַואסֶער, אָדֶער עֶר הָאט זִיך אַקְלַאפּ גִיטָאהֶן אָן דִיא שַׁארְבּוּנְס פָּטוּר דֶער בַּעַל הַבַּיִת פון דִיא פַאס דַארְף נִיט בַּצָאהְלִין דֶעם שָׁאדִין, וָוארוּם דִיא וַואסֶער מִיט דִיא שַׁארְבּוּנְס זֶענֶען נִיט זַיינֶע און זַייא זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען לִיגֶען אויף דִי עֶרְד נִיט מִיט זַיין ווילֶען: ב הַשּׁוֹפֵךְ מַיִם בִּרְשׁוּת הָרַבִּים אַז אֵיינֶער הָאט גִיגָאסִין וַואסֶער אִין גַאס, אֲפִילוּ ווינְטֶער וָואס אִין גַאס אִיז אַזוֹי אויך דָא וַואסֶער, הָאט עֶר גִיקֶענְט גִיסֶען דִיא וַואסֶער אִין גַאס, פון דֶעסְטְוֶועגִין וְהוּזַק בָּהֶן אַחֵר אַז אֵיינֶער הָאט זִיך גִיטָאהֶן אַשָׁאדִין אִין דִיא וַואסֶער חַיָּיב בְּנִזְקוֹ דַארְף עֶר בַּצָאהְלִין דֶעם שָׁאדִין הַמַּצְנִיעַ אֶת הַקּוֹץ וְאֶת הַזְּכוּכִית אַז עֶר הָאט בֶּעהַאלְטִין אִין גַאס דֶערְנֶער אָדֶער שְׁטִיקֶער גְלָאז וְהַגּוֹדֵר אֶת גְּדֵרוֹ בְּקוֹצִים אָדֶער עֶר הָאט גִימַאכְט אַוַואנְט פון דֶערְנֶער און שְׁטִיקֶער דֶערְנֶער גֵייעֶן אַרוים פון וַואנְט אִין דִיא גַאס וְגָדֵר שֶׁנָּפַל לִרְשׁוּת הָרַבִּים אָדֶער אַוַואנְט אִיז אַיין גִיפַאלִין אִין גַאס אַרַיין וְהוּזְקוּ בָּהֶן אֲחֵרִים און אַנְדֶערֶע מֶענְטְשִׁין הָאבִּין זִיך גִיטָאהֶן אַשָׁאדִין אָן אֵיינֶע פון דִיא זַאכִין חַיָּיב בְּנִזְקָן דֶער בַּעַל הַבַּיִת פון דִיא זַאכִין דַארְף בַּצָאהְלִין דֶעם שָׁאדִין:
~~~~~

ואם אמר לבעל חבית עמוד פטור. היה בעל חבית ראשון ובעל קורה אחרון נשברה חבית בקורה [יב] חייב. ואם עמד בעל חבית פטור. ואם אמר לבעל קורה עמוד חייב וכן זה בא [יג] בנרו וזה בפשתנו: ו שנים שהיו מהלכין ברה"ר אחד רץ ואחד מהלך או שהיו שניהם רצים. והזיקו זה את זה שניהם [יד] פטורים: ז המבקע ברשות היחיד [טו] והזיק ברה"ר. ברשות הרבים והזיק ברה"י. ברשות היחיד והזיק ברשות היחיד [טז] אחר. [יז] חייב:

וזה מיהר ללכת: ו אחד רץ ואחד מהלך וכו'. מתני' חסורי מחסרא והכי קתני אחד רץ וא' מהלך בערבי שבתות וימים טובים (ח) או שהיו שניהם רצים בשאר ימות השנה שניהם פטורים דבערבי שבתות וי"ט מי שרץ רץ ברשות שהולך לדבר מצוה להכין צרכי שבת וי"ט (ס) ומש"ה פטור ובשאר ימות השנה כששניהם רצים הואיל ושניהם משנים שניהם פטורים: ז המבקע עצים: והזיק ברה"י. של אחרים: ברה"י. שלו: והזיק ברה"י אחר. של אחרים: חייב. ואע"ג דברשות קנביד ולא שכיחי רבים שם דנימא ה"ל לעיוני אפילו הכי חייב:

…לעמוד פייס שלא עמד אלא נמח. אבל עמד לתקן הקורה …דאורחיה הוא פטור. דהא במ"ד לעיל לא מחייבי' לנתקל אלא …ל לעמוד ש"מ דכל דאורחיה לא הוי פושע. גמרא: [יב] חייב. ולא אתולדה דבור מחייבינן ליה. דא"כ לא חייב …בית. דבור פטור בכלים אלא כיון שאינו מוטל לארץ ולא שלים …בנפשיה אלא קאי אנפשיה כמו …ידים דמי. נ"י: [יג] בנרו כו'. י"ל דקמ"ל דאף …דפשתן …רית האש נשרף וכרי …ל לבעל הנר ליזהר …לם ניחייביה קמ"ל. …(ח) אבל בגמרא קאמר …משות: (ס) וכסתמא …ת דיינינן ליה דזיל …ואפילו לא נקיט מידי …כפי למימר מערחון …' או למשות פניו ידיו …לשנוי כסותי' אבל אי …רהיט אלא לשאר צרכיו …כהו צרכי שבת ככתול דמי נ"י וכר"מ משמע דאפילו רץ …ברשות הוא כדי שלא תכנס שבת והוא אינו פנוי ועפ"ע …ומתוי"ט: [יד] פטורין. שכל אחד גרם לעצמו תקלה זו ולא הזיקו ממש במתכוין אלא כלומר הוזקו זה בזה. תו' וכתב הל"י …א שהוא כחול משונה בע"ש הוא ברשות ל"ש מהלכים זה לקראת זה או זה אחר זה פטורים אבל שניהם רצים דפטורים …ס דכי הדדי נינהו איכא לאפלוגי כדפלגי' לעיל בין מהלכין זה לקראת זה או זה אחר זה. או נימר האחרון או …שון: [טו] והזיק. שנתזה תתיכה מן עץ המתבקע או נשל הברזל מן העץ. נ"י: [טז] אחר. בגמרא מוקמינן להו דלא' …מבקע ברה"י והזיק ברה"ר ס"ל משום דהו"ל לאסוקי אדעתיה אי מטיל בקעת התם היה מזיק כיון שרבים מצוין שם …בקע ברה"ר והזיק ברה"י שאין רבים שם אימא לא מחייב. ואי אשמעינן מבקע ברה"ר משום דלא ברשות קא עביד …ליה רשותא אבל מבקע ברה"י דברשות קא עביד אימא לא מחייב. ואי אשמעינן הני תרתי הא מגוס דשכיחי כו' …אבל כשמבקע והזיק הכל ברה"י אימא לא צריכא וכו' הנ"י דלא זא"ו קתני: [יז] חייב. נזק שלם דכתו הוא וכנופו

שטעלט מען זיך ניט רוהען. אדער ער האט באדארפט זאגין צו דעם וואס טראגט דיא פאס ער זאל אויך שטיין ואם אמר לבעל חבית עמוד אויב דער וואס האט גיטראגין דעם בעלעק האט גיזאגט צו דעם וואס טראגט די פאס. ער זאל שטיין אונ ער איז ניט גישטאנען. אונ דיא פאס האט זיך אנגעשטויסין אן דעם בעלעק אונ איז צו בראכין גיווארין פטור דארף ער ניט צאהלין פאר דיא פאס היה בעל חבית ראשון אויב דער וואס האט גיטראגין די פאס איז גיגאנגען פריער ובעל קורה אחרון אונ דער וואס האט גיטראגין דעם בעלעק איז גיגאנגען אינטער אים נשברה חבית בקורה אונ דיא פאס איז צו בראכין גיווארין טייל דער בעלעק האט אים אשטויס גיטאהן חייב דער וואס טראגט דעם בעלעק דארף באצאהלין פאר דיא פאס. ווארום מיר זאגין דער וואס טראגט דעם בעלעק איז צו נעשווינט גיגאנגען. האט ער אקלאפ גיטאהן דיא פאס אונ האט איר צו בראכין ואם עמד בעל חבית אויב דער וואס טראגט דיא פאס האט זיך גישטעלט פטור דארף מען ניט באצאהלין פאר דיא פאס. ווארום אין מיטען טאג שטעלט מען זיך ניט רוהען ואם אמר לבעל קורה עמוד אויב דער וואס טראגט דיא פאס האט גיזאגט צו דעם וואס טראגט דעם בעלעק ער זאל שטיין. אונ ער איז ניט גישטאנען. אונ האט אקלאפ גיטאהן דיא פאס אונ זיא איז צו בראכין גיווארין חייב דארף ער באצאהלין פאר די פאס וכן זה בא בנרו וזה בפשתנו איינער איז גיגאנגען מיט אליכט וואס האט גיברענט. אונ איינער איז גיגאנגען מיט פלאקס. אונ דיא פלאקס איז פאר ברענט גיווארין פון דיא ליכט, איז אויך אזוי דער דין וויא בייא דיא פאס מיט דעם בעלעק:

ו שנים שהיו מהלכין ברשות הרבים צוויא מענטשין זענען גיגאנגען אין גאס. אין מיטען וואך אדער ערב שבת אונ ערב יום טוב אחד רץ ואחד מהלך אדער עס איז גיוועזן ערב שבת אדער ערב יום טוב וואס דער שטייגער איז מענטשין לויפין. איז איינער גילאפין אונ איינער איז גיגאנגען או שהיו שניהם רצים אדער ביידע זענען גילאפין אין מיטען וואך אדער ערב שבת אונ ערב יום טוב והזיקו זה את זה אונ איינער האט גיטאהן אשאדין דעם אנדערין שניהם פטורין זענען ביידע פטור וועלכער עס האט גיטאהן דעם שאדין איז פטור צו באצאהלין (ועתי"ט): ז המבקע ברשות היחיד ער האט גישפאלטין האלץ ביי זיך אין שטוב אדער אין הויף, אונ אשטיקעל האלץ איז ארויס גישפרונגען פון דיא האק אין גאס אריין והזיק ברשות הרבים אונ האט גיטאהן אשאדין אין גאס ברשות הרבים אדער ער האט גישפאלטין האלץ אין גאס. אונ אשטיקעל האלץ איז ארויס גישפרונגען פון דיא האק אין אפרעמדין הויף אריין והזיק ברשות היחיד אונ האט גיטאהן אשאדין אין דעם פרעמדין הויף ברשות היחיד אדער ער האט גישפאלטין האלץ בייא זיך אין הויף. אונ אשטיקעל האלץ איז ארויס גישפרונגען פון דיא האק אין אפרעמדין הויף אריין והזיק ברשות היחיד אחר אונ האט גיטאהן אשאדין אין דעם פרעמדין הויף חייב דארף ער באצאהלין דעם שאדין:

סוף. ויתן לו המזיק דמי השור. גמרא: [כ] ולא קיימת כו'. ור"מ מקיימו פחת שפחתה מיתה מחלין בחי. שאם פחתה משעת מיתה ועד שעת העמדה בדין פחת דניזק. ור"י אי למחלין בחי למוד קאתי א"כ לכתוב ואת מתי גם ס"מ תרתי דשתפיה רחמנא בשבחא ומיהו אם עלה השבח יותר מהזיקו לא פליג בשבחא דבעלים משלמין ואין בעלים נוטלין. גמ' ועתוי"ט: [כא] פטור. ס"ה לשאר ד' דברים לבד מנזק דאדם חייב ושור פטור וכ"ש בשת דבעי כונה עפי אלא דנקט בשת לאשמועינן הוא דומיא דשורו מה שורו מתכוין לנזיק ואין מתכוין לביים. אף

שנגח את האדם ואפילו הוא שור תם ואין הלכה כר"ע: **ט** וכן הלכה. ואלי כן הלכה דמנה נותן לו דהיינו חצי נזק אבל אין זה שור האמור בתורה דקיימת ומכרו את השור החי וכו' ופלוגתא דר"מ ורבי יהודה הוא בשבח נבילה כגון שבשעת מיתה לא היתה שוה כלום ונתיקרה אח"כ והיא שוה להאכילה לכלבים או למוכרה לעכו"ם ר"מ סבר שבח נבילה דניזק הוי ולא שקיל בה מזיק כלום אלא נותן לו חצי נזקו. והיינו דקאמר ר"מ על זה נאמר ומכרו את השור החי וחצו את כספו

ואין הנבילה יפה כלום א"ר מאיר על זה נאמר ומכרו את השור החי וחצו את כספו אמר לו רבי יהודה וכן הלכה. קיימת ומכרו את השור החי וחצו את כספו. [כ] ולא קיימת וגם את המת יחצון. ואיזה זה שור שוה מאתים שנגח שור שוה מאתים והנבלה יפה חמשים זוז. שזה נוטל חצי החי וחצי המת וזה נוטל חצי החי וחצי המת:

י יש חייב על מעשה שורו ופטור על מעשה עצמו. [כא] פטור על מעשה שורו. וחייב על מעשה עצמו. שורו שבייש פטור

כלומר שצריך ליתן לו דמי הגי נזקו מדמי שור החי ואינו מנכה לו כלום בעבור השבח שהשביח הנבלה. ורבי יהודה סבר דהאי שבח נבלה דמזיק הוי וכשבא מזיק לשלם לניזק דמי חצי נזקו מנכה לו חצי שבח שהשביחה הנבלה משעת מיתה עד שעת העמדה בדין והיינו דקאמר ר' יהודה לר"מ קיימת ומכרו את השור החי ולא קיימת וגם את המת יחלון שצריך לחלק השבח שהשביח המת ושקיל ליה מזיק פלגא והלכה כרבי יהודה: י שורו שבייש פטור.

---

גילדין ואין הנבלה יפה כלום און דיא נבלה איז גאר גיט ווערט, איז דאך דער שאדין צוויי הונדערט גילדין אמר רבי מאיר האט רבי מאיר גיזאגט על זה נאמר אויף אזוי א אקם האט דיא תורה גימיינט ומכרו את השור החי וחצו את כספו מען זאל פאר קויפין דעם לעבעדיגען אקם און מען זאל טיילין דיא געלט אויף העלפט, העלפט געלט [הונדערט גילדין] זאל נעמען דער מזיק, און העלפט געלט [הונדערט גילדין] זאל נעמען דער ניזק אמר לו רבי יהודה האט רבי יהודה גיזאגט צו רבי מאיר וכן הלכה דער דין איז וויא דו זאגסט, נאר ניט פון אזוי א אקם שמועסט דיא תורה קיימת ומכרו את השור החי וחצו את כספו דו האסט מקיים גיוועז מען זאל פאר קויפין דעם לעבעדיגען אקם און מען זאל צו טיילין דאס געלט אויף העלפט, איין העלפט דעם מזיק און איין העלפט דעם ניזק ולא קיימת וגם את המת יחצון דו האסט אבער ניט מקיים גיוועזן דעם סוף פסוק וואס עס שטייט מען זאל דעם טויטין אקם אויך צו טיילין, אז ער איז גאר ניט ווערט צו וואס זאל מען אים צו טיילין ואיזה זה פון וועלכין אקם שמועסט די תורה שור שוה מאתים א אקם וואס איז ווערט צווייא הונדערט גילדין שנגח שור שוה מאתים האט גישטויסין א אקם וואס איז ווערט צוויי הונדערט גילדין והנבלה יפה חמשים זוז און דיא נבלה איז ווערט פופציג גילדין ואיז דער שאדין הונדערט און פופציג גילדין, אהאלבער שאדין וואס דער ניזק דארף נעמען איז פינף און זיבעציג גילדין, צו דיא פופציג וואס דיא נבלה איז ווערט, צו זאמען וועט דעם ניזק בלייבין הונדערט פינף און צוואנציג, און פינף און זיבעציג וועט ער האבין שאדין, און דער מזיק וועט פון זיין אקם

ווי פיל וועט אים בלייבין פון זיין אקם, הונדערט פינף און צוואנציג], זאגט דיא משנה מען זאל פאר קויפין דעם לעבעדיגין אקם פאר צווייא הונדערט גילדין, און דיא נבלה פאר פופציג גילדין שזה נוטל חצי החי וחצי המת וועט דער מזיק נעמען אהעלפט פון לעבעדיגין אקם [הונדערט גילדין] און אהעלפט פון טויטין אקם פינף און צוואנציג גילדין וזה נוטל חצי החי וחצי המת און דער ניזק וועט נעמען אהעלפט פון לעבעדיגין אקם [הונדערט גילדין] און אהעלפט פון טויטין אקם פינף און צוואנציג גילדין, וועלין ביידע האבין גלייך [רבי מאיר מיט רבי יהודה קריגין אויב דיא נבלה איז גאר ניט ווערט גיוועזן ווען דער אקם איז געהרגת געווארין, איז דער שאדין גיוועזן גאנצע צווייא הונדערט גילדין, דער נאך ווען דער מזיק מיט דעם ניזק זענען גישטאנען בייא בית דין צום באצאהלין, איז דיא נבלה ווערט גיוועזן פופציג גילדין, רבי מאיר האלט דער מזיק מוז באצאהלין גאנצע הונדערט גילדין, און דיא ווערט פון דיא נבלה גיהער צום ניזק, און רבי יהודה זאגט אהעלפט פון דיא נבלה גיהער צום מזיק רעכונט מען נאר דעם שאדין הונדערט און פופציג גילדין, דארף מען נאר באצאהלין פינף און זיבעציג גילדין]: י יש חייב על מעשה שורו ופטור על מעשה עצמו אמאהל דארף אמענטש באצאהלין פאר דעם שאדין וואס זיין אקם האט גיטאהן, און פאר דעם שאדין וואס ער אליין האט גיטאהן דארף ער ניט באצאהלין פטור על מעשה שורו וחייב על מעשה עצמו און אמאהל דארף ניט אמענטש באצאהלין פאר דעם שאדין וואס זיין אקם האט גיטאהן, און ער דארף באצאהלין פאר דעם שאדין וואס ער אליין האט גיטאהן שורו שבייש פטור אויב זיין אקם האט

היה אחד גדול. ואחד קטן. הניזק אומר גדול הזיק. והמזיק אומר לא כי. אלא קטן הזיק. אחד תם ואחד [כה] מועד. הניזק אומר מועד הזיק והמזיק אומר לא כי. אלא תם הזיק. המוציא מחבירו עליו הראיה. היו הניזוקין (ס"א שנים) אחד גדול ואחד קטן. והמזיקים שנים אחד גדול וא' קטן. הניזק אומר גדול הזיק את הגדול. וקטן את הקטן. והמזיק אומר לא כי. אלא קטן את הגדול וגדול את הקטן. א' תם וא' מועד הניזק אומר מועד הזיק את הגדול ותם את הקטן והמזיק אומר לא כי אלא תם את הגדול. ומועד את הקטן. המוציא

שניהם (יב) אבל ליתנהו לתרוייהו מלי אמר ליה זיל אייתי ראיה דהאי תורא אזקך ואשלם לך (יג): **גדול הזיק**. ויש בגופו שוה חצי נזק: **קטן הזיק**. ודמי הקטן תקח (יד) ומותר חצי נזקך תפסיד: **קטן הזיק את הגדול**. ואע"פ שחצי נזקו של גדול מרובה לא תקח אלא קטן שלי וחצי נזקו של קטן שלך קח מן הגדול. וכן הכך המוציא מחבירו עליו הראיה דתנינן במתני' אכ' לא הביא ראיה אין לו כלום ואפילו דמי תם ואפי' קטן שהודה

**מתריס** ואשתכח דאיהו גרם ליה למנקה כסנע ואפילו. הכי פג"ר ברמ"ם וכ"י: (יב) ודוקא כי איכא סהדי דחד מינייהו אזיק הוא דאמרינן שניהם חייבים. אבל היכא דליכא סהדי כהכי אע"ג דמודה מרייהו דחד מינייהו הוא דאזיק פטור דהא אפילו יודה דהאי תורא הוא דאזיק נמי לא מחייב דקי"ל פלגא נזקא קנסא ומודה בקנס פטור. כ"י: (יג) ולא אמרינן כיון דיוחלט השור כמ"ש כמ"ט משעת נגיחה קם ליה ברשות הניזק וממ"נ אית ליה חלק באחד מהם להוי כשני שוורים של שני שותפים שאם נאבד האחד נאבד לשניהם קמ"ל דס"ה שלא נתברר באיזה מהן הו"ל חלק מלי למימר אייתי ראיה דהאי הוא דאזקך. הרא"ש: (יד) רש"י ותמיהני דהא קיי"ל יוחלט השור וא"כ לא יוכל לסלקה כזוזי ולשון כ"י והקטן תקח תוי"ט. ול"נ ליישב דברי רש"י ז"ל עפמ"ש לעיל בשם הנ"י דדוקא כי איכא סהדי דחד מינייהו אזיק כו' א"כ כל הלדדים הנאמרים היינו לחייבו כתשלומין דהרי עכ"פ אחד מממונו הזיק אבל לענין להחליט השור כיון דאין העדים יודעים איזה מהן הזיק אמרינן לענין החלט להקטן דלמא הגדול הזיק ולעולם אינו משלם לו רק דמי הקטן. ולשון הכ"י שהקטן תקח. אינו לענין החלטת השור שיטלנו כלא חפץ הבעלים אי רוצה לסלקו בדמים אלא שפי' טענת המזיק הוא ואף אי נימא לגרה לשון לא כי המזיק אומר כדי שהקטן הזיק עכ"ז לענין ההוא חיובו דהחלטת השור הוי מודה בקנס דהא מלך העזיאות העדים א"א להחליט שום אחד מהן עוד זאת דהוי טענו חטין והודה לו בשעורים והרי הניזק אומר שהגדול נחלט לו ואין לו בגוף הקטן כלום. ודוקא לחייב ממון אמרינן דעכ"פ דמי הקטן יקח ולכ"מ להאריך: [כה] מועד. אשמעינן דאפילו לר"י דאמר

---

גאר יענער אקס גיטאהן דעם שאדין, אונ ער איז דאך ניט דא היה אחד גדול ואחד קטן אויב איין אקס איז אגרויסער, ער איז ווערט דעם האלבין שאדין, אונ איין אקס איז אקליינער, ער איז ניט ווערט דעם האלבין שאדין הניזק אומר דער ניזק זאגט גדול הזיק דער גרויסער אקס האט גיטאהן דעם שאדין, וועל איך פון אים אפ נעמען מיין האלבין שאדין והמזיק אומר אונ דער מזיק זאגט לא כי ניט אזוי איז אלא קטן הזיק נאר דער קליינער אקס האט גיטאהן דעם שאדין, נעם דיר דעם קליינעם אקס, אונ דיא איבעריגע וואס דיר פעלט צום האלבין שאדין וועסטו שאדין האבין אחד תם ואחד מועד איין אקס איז אתם [וואס צאהלט נאר אהאלבין שאדין], אונ איין אקס איז אמועד [וואס צאהלט אגאנצין שאדין] הניזק אומר מועד הזיק דער ניזק זאגט דער מועד האט גיטאהן דעם שאדין, דארף ער באצאהלין דעם גאנצין שאדין והמזיק אומר אונ דער מזיק זאגט לא כי ניט אזוי איז אלא תם הזיק נאר דער תם האט גיטאהן דעם שאדין, דארף מען נאר באצאהלין אהאלבין שאדין המוציא מחברו עליו הראיה דער וואס וויל אויס ציהען געלט פון זיין חבר דער דארף ברייגגען עדות, דארף דער ניזק ברייגגען עדות אז דער מועד האט גיטאהן דעם שאדין היו הניזוקין שנים אויב צוויי אקסין האבין גיהאט דעם שאדין אחד גדול ואחד קטן איין אקס איז אגרויסער אונ איין אקס איז אקליינער והמזיקים שנים אונ דיא אקסין וואס האבין גיטאהן דעם שאדין זענען אויך צווייא אונ זיי זענען תמין אחד גדול ואחד קטן איין אקס איז אגרויסער אונ איין אקס איז אקליינער הניזק אומר דער ניזק זאגט גדול הזיק את הגדול דיין גרויסער אקס האט גיטאהן שאדין מיין גרויסין אקס, וועל איך פון אים אפ נעמען מיין האלבין שאדין וקטן את הקטן אונ דיין קליינער אקס האט גיטאהן שאדין מיין קליינעם אקס וועל איך פון אים אפ נעמען מיין האלבין שאדין והמזיק אומר אונ דער מזיק זאגט לא כי ניט אזוי איז אלא קטן את הגדול נאר מיין קליינער אקס האט שאדין גימאכט דיין גרויסין אקס, נעם דעם האלבין שאדין פון דעם קליינעם אקס, אונ וואס דיר וועט פעלין צום האלבין שארין, וועסטו שאדין האבין וגדול את הקטן אונ מיין גרויסער אקס האט גיטאהן שאדין דיין קליינעם אקס, נעם דעם האלבין שאדין פון גרויסען אקס, אונ וואס עס וועט בלייבין פון דעם גרויסין אקס מעהר ווי דער האלבער שאדין פון קליינעם אקס גיהער צו מיר אחד תם ואחד מועד זיין אקס איז אתם אונ איין אקס איז אמועד הניזק אומר דער ניזק זאגט מועד הזיק את הגדול דער מועד האט גיטאהן שאדין דעם גרויסען אקס, קומט מיר פאר דעם גרויסען אקס אגאנצען שאדין ותם את הקטן אונ דער תם האט גיטאהן שאדין דעם קליינעם אקס, קומט מיר פאר דעם קליינעם אקס אהאלבין שאדין והמזיק אומר אונ דער מזיק זאגט לא כי ניט אזוי איז אלא תם את הגדול נאר דער תם האט שאדין גימאכט דיין גרויסין אקס, קומט דיר פאר דיין גרויסין אקס אהאלבין שאדין ומועד את הקטן אונ דער מועד האט שאדין גימאכט דיין קליינעם אקס, קומט דיר פאר דייז קליינעם אקס אגאנציז שאדין המוציא

**מבעיא:** בואו ונצא. כאדם המקבל פני המלך: דברים אמורים בע"ש בין השמשות אבל בחול אחד רץ ואחד מהלך חייב. שניהם רצין אפילו בחול פטורים. אמר מר ומודה איסי בע"ש ביה"ש שהוא פטור מפני שרץ ברשות. בע"ש מאי ברשות איכא

**כדרבי חנינא דאמר רבי חנינא בואו ונצא לקראת כלה מלכתא ואמרו לה לקראת שבת כלה מלכתא ר' ינאי מתעטף וקאי וקאמר בואי כלה בואי כלה:**

דברים אמורים ווען זענען די בייד גיזאגט גיווארין אז דער וואס לויפט איז פטור בערב שבת בין השמשות אז ער איז גילאפין ערב שבת שפעט פארין נאכט אבל בחול אבער אין מיטען וואך אחד רץ ואחד מהלך חייב אז איינער איז גילאפין אונ איינער איז גענאנגען, אונ דער וואס איז גילאפין האט געמאכט אשאדין צו דעם וואס איז געגאנגען, איז ער חייב שניהם רצין אז ביידע זענען גילאפין אונ איינער האט געמאכט אשאדין דעם אנדערין אפילו בחול פטורין אפילו דאס איז גיוועין אין מיטען וואך זענען אויך ביידע פטור אמר מר דער רבי האט גיזאגט ומודה איסי בערב שבת בין השמשות שהוא פטור מפני שהוא רץ ברשות איסי איז מודה אז איינער איז גילאפין אין נאס ערב שבת שפעט פארין נאכט אונ לויפינדיג האט ער געמאכט אשאדין איז ער פטור צו באצאהלין, וייל דאמאלס מעג ער לויפין בערב שבת מאי ברשות איכא פאר וואס מעג מען ערב שבת פארין נאכט לויפין, ענטפערט דיא גמרא כדרבי חנינא אזוי וויא רבי חנינא האט גיזאגט דאמר רבי חנינא ווארום רבי חנינא האט גיזאגט צו זיינע תלמידים אדער צו זיינע שטוב מענטשין בואו ונצא לקראת כלת מלכתא קומט וועלין מיר ארויס גיין געגין די כלה וואס איז אמלכה ואמרי לה אונ אנדערע זאגין אזוי האט רבי חנינא גיזאגט קומט מיר וועלין ארויס גיין לקראת שבת כלה מלכתא געגין דעם שבת וואס זיא איז אכלה אונ אמלכה רבי ינאי מתעטף וקאי וקאמר בואי כלה בואי כלה רבי ינאי האט זיך איינגעוויקולט אין מאנטיל אונ האט זיך גישטעלט אונ האט גיזאגט צום שבת קום כלה קום כלה, זעהן מיר אז צום שבת מוז מען זיך פארברייטין, דריבער אז איינער האט זיך פארשפעטיגט פרייטאג פארין נאכט אין נאס איז אמצוה ער זאל לויפין אהיים זיך צו גרייטין צום שבת:

## זוהר לך דף פ"ג ע"א ת"ת דאלילות יוד הא ואו הא

**פתח** ואמר (ישעיה כו) נפשי אויתיך בלילה אף רוחי בקרבי אשחרך האי קרא אוקמוה ואוקימנא ליה, אבל ת"ח נפשא דב"נ כל סליק לערסיה נפקא מניה וסלקא לעילא. ואי תימא דכלהו סלקאן לאו כל חד וחד חמי אפי מלכא אלא נפשא סלקא ולא אשתאר בה בהדי גופא בר חד רשימו (נשימו) דקסטא דחיותא דלבא ונפשא אזלא ובעיא לסלקא. וכמה דרגין לדרגין לסלקא שטאת והיא אתערעת בהני קומרין טהירין דמסאבותא. אי היא דכיאת דלא אסתאבת ביממא סלקא לעילא ואי לאו דכיאת אסתאבת בינייהו ואתדבקת בהו ולא סלקא יתיר ותמן מודעין לה מלין ואיהו אתדבקת מאינון מלין דזמן קריב ולזמנין דחייכין בה ומודעין לה מלין כדיבין. וכדין אזלא כהאי גוונא כל ליליא עד דיתער בר נש ותאבת לאתריה. זכאין אינון צדיקייא דגלי לון קב"ה רזין דיליה בחלמא בגין דיסתמרון מן דינא ווי לאינון חייבי עלמא דמסאבין גרמייהו ונפשייהו. ת"ח אינון דלא אסתאבו כד סלקי בערסייהו נפשא סלקא ועאלת בין כל הני דרגין בקדמיתא וסלקא ולא אתדבקת בהו ולבתר אזלא ושטאת וסלקה כפום אורחה ההיא נפשא דזכת לסלקא אתחזיאת קמיה דסבר אפי יומין ואתדבקת ברעותא לאתחזאה בתיאובתא עלאה למחמי בנועם מלכא ולבקרא בהיכליה ודא הוא בר נש דאית ליה חולקא תדיר בעלמא דאתי ודא הוא נפשא דכסיפא דילה כד סלקא בקב"ה (תדיר) ולא אתדבקת בהני זיינין טהירין אחרנין והיא אזלת בתר זינא קדישא באתרא (ד"א בתר אתרא) דנפקת מתמן ובג"כ כתיב (שם) נפשי אויתיך בלילה בגין למרדף בתרך ולא לאתפתאה בתר זינא אחרא נוכראה:

| מוסר | יוסף לחק | הלכה פסוקה |
| --- | --- | --- |
| מרב סעדיה גאון | | ש"ע יו"ד סי' רמ"ט |

**(א)** שמונה מעלות יש בצדקה זו למעלה מזו. מעלה הגדולה שאין למעלה ממנה המחזיק ביד ישראל המך **ונותן לו מתנה או הלואה או עושה שותפות או ממציא לו מלאכה כדי לחזק ידו שלא יצטרך לבריות ולא ישאל**

בשביל ז' דברים אין תפלתו של אדם נשמעת ואין עתירתו מתקבלת.

**(א) שמונה** מעלות יש בצדקה זו למעלה מזו אכט מעלות זענען דא ביא צדקה איינע גרעסער פון דיא אנדערע מעלה הגדולה שאין למעלה ממנה די גרעסטע מעלה וואס קיין גרעסערע איז שוין ניטא המחזיק ביד ישראל המך אז ער העלפט איוד וואס איז ארעם גיווארין ונותן לו מתנה או הלואה אונ ער שיינקט אים געלט אדער ער בארגט אים געלט או עושה שותפות אדער ער מאכט מיט אים אהאנדיל שותפות או ממציא לו מלאכה אדער ער גיט אים ארבעט כדי לחזק ידו שלא יצטרך לבריות ולא ישאל

**בשביל** שבעה דברים אין תפלתו של אדם נשמעת וועגין זיבען זאכין ווערט ניט גיהערט דיא תפלה פון אמענטש ואין עתירתו מתקבלת אונ

החכמים שהיו צוררים חמעות בסדיניהם ומשליכין אותם לאחוריהם ובאים העניים ונוטלין כדי שלא יהיה להם בושה: (ה) פחות מזה שיתן לעני בידו קודם שישאל: (ו) פחות מזה שיתן לו כראוי אחר שישאל: (ז) פחות מזה שיתן לו פחות מהראוי בסבר פנים יפות: (ח) פחות מזה שיתן לו בעצב (ההגה) ועכ"פ לא יתפאר האדם בצדקה שנותן ואם מתפאר לא די שאינו מקבל שכר אלא אפילו מענישין אותו עליה ומ"מ מי שמקדיש דבר לצדקה מותר לו שיכתוב שמו עליו שיהא לזכרון וראוי לעשות כן:

שנאמר אוטם אזנו מזעקת דל גם הוא יקרא ולא יענה. והחמישית שעושק וגוזל ואוכל את האסור לו אין תפילתו נשמעת כמ"ש ואשר אכלו שאר עמי וגו' אז יזעקו אל ה' ולא יענה אותם. הששית המתפלל בלא נקיות וטהרה אין תפלתו נשמעת כמו שכתב גם כי תרבו תפלה אינני שומע ידיכם דמים מלאו. והשביעי אשר גברו עונותיו עלמו משובותיו והוא מתפלל בלי עשות תשובה אין תפילתו נשמעת כדכתיב ויהי כאשר קרא ולא שמעו וגו':

וויסען צו וועמען ער גיט כגון החכמים שהיו צוררים חמעות בסדיניהם ומשליכים אותם לאחוריהם אזוי וויא די חכמים האבין גיטאהן זיי האבין איינגעבונדין געלט אין אטוך אונ האבין דיא טוך מיט דעם געלט אויפגעהאנגין אויף די פלייצעס ובאין העניים ונוטלין אונ די ארעמע פלעגין צו גיין אונ אראפ־נעמען פון די פלייצעס די טוך מיט דעם געלט כדי שלא יהיה להם בושה זייא זאלין ניט פארשעמט ווערין ווען זייא נעמען די צדקה: (ה) פחות מזה אקלענערע פון די מעלה איז שיתן לעני בידו קודם שישאל ער זאל געבין דעם ארעם מאן די צדקה אין האנט, אידער דער ארעם מאן וועט בעטין: (ו) פחות מזה אקלענערע פון די מעלה איז שיתן לו כראוי אחר שישאל ער זאל געבין דעם ארעם מאן וויא פיל ער ברויכט צו געבין, נאך דעם וויא ער האט אים שוין גיבעטין: (ז) פחות מזה אקלענערע פון די מעלה איז שיתן לו פחות מהראוי בסבר פנים יפות אז ער גיט אים וויינינגער וויא ער דארף אים געבין, נאר ער גיט אים מיט אפרייליכען פנים: (ח) פחות מזה אקלענערע פון די מעלה שיתן לו בעצב ער גיט אים מיט אטרויערי־גען פנים ואף על פי כן פון דעסטוועגין לא יתפאר האדם בצדקה שנותן דער מענטש זאל זיך ניט בעריהמען מיט די צדקה וואס ער גיט ואם מתפאר אונ אויב ער בעריהמט זיך יא לא דיו שאינו מקבל שכר ניט גענוג וואס ער וועט קיין שכר נעמען פאר דיא צדקה אלא אפילו מענישין אותו עליה מען וועט אים נאך שטראפין אויך אויף דעם וואס ער פארשעמט דיא ארעמע לייט אונ זיך מאכט ער גרוים ומכל מקום מי שמקדיש דבר לצדקה פון דעסט־וועגין אז ער היילינט אזאך אויף צדקה מותר לו שיכתוב שמו עליו מעג ער אויפשרייבין זיין נאמען אויף די זאך שיהא לזכרון עס זאל זיין צו אאנדיינ־קונג אז ער האט די זאך גיגעבין וראוי לעשות כן

ער זאל ניט הערין זיין געשרייא שנאמר וויא עס שטייט אין פסוק אוטם אזנו מזעקת דל גם הוא יקרא ולא יענה דער וואס פארשטאפט זיינע אויערין ער זאל ניט הערין דאס געשרייא פון דעם ארעם מאן, אז ער וועט רופין צו גאט, ער זאל אים העלפין וועט ער ניט גיענפערט ווערין והחמישי שעושק וגוזל ואוכל את האסור לו דאס פינפטע איז ער צאהלט ניט קיין ארבייטער, אונ גזלת בייא פרעמדע מענטשין, אונ ער עסט וואס ער טאר ניט עסין, אין תפלתו נשמעת זיין תפלה ווערט ניט גיהערט כמו שכתוב וויא עס שטייט אין פסוק ואשר אכלו שאר עמי ווייל זייא האבין גיגעסין דאס לייב פון מיין פאלק אז יזעקו אל ה' ולא יענה אותם דאמאלס וועלין זיי שרייען צו גאט אונ ער וועט זיי ניט ענפערין והששית המתפלל בלא נקיות וטהרה דאס זעקסטע איז, אז ער דאווינט אונ זיין גוף איז ניט ריין אונ די הענט זענען ניט ריין אין תפלתו נשמעת זיין תפלה ווערט ניט גיהערט כמו שנכתב ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו די יודין גם כי תרבו תפלה אינני שומע ידיכם דמים מלאו אפילו איר וועט פיל בעטין וועל איך ניט הערין, ווייל אייערע הענט זענען פול מיט בלוט והשביעי אשר גברו עונותיו עצמו משובותיו והוא מתפלל בלי עשות תשובה דאס זיבעטע איז, אויב זיינע עבירות זענען שטארק, זיינע ווילדינקייט נעגין גאט זענען שטארק, אונ ער האט נאך ניט גיטאהן תשובה, אונ ער דאווינט אין תפלתו נשמעת זיין תפלה ווערט ניט גיהערט כדכתיב וויא עס שטייט אין פסוק ויהי כאשר קרא ולא שמעו אונ עס איז גיוועזן אזוי ווי דער נביא האט גערופין צו דיא יודין זיי זאלין טאהן תשובה אונ זייא האבין ניט גיוואלט הערין כן יקראו ולא אשמע אזוי וועלין זיי רופין צו מיר איך זאל זיי העלפין אונ איך וועל ניט הערין:

אונ מען דארף אזוי טאהן. וועלין מענטשין זעהן די נדבה וואס ער האט גיגעבין, וועלין זיי אויך געבין נדבות:

וְצַלִּי תַמָן אַבְרָם בִּשְׁמָא דַיְיָ: ח וְאַף לְלוֹט דְאָזִיל עִם אַבְרָם הֲוָה עָאן וְתוֹרִין וּמַשְׁכְּנִין: ו וְלָא סוֹבְרַת יָתְהוֹן אַרְעָא לְמֵתַב כַּחֲדָא אֲרֵי הֲוָה קִנְיָנְהוֹן סַגִּי וְלָא יְכִילוּ לְמֵתַב כַּחֲדָא:

שֵׁם אַבְרָם בְּשֵׁם יְהוָה: שלישי ה וְגַם לְלוֹט הַהֹלֵךְ אֶת־אַבְרָם הָיָה צֹאן־וּבָקָר וְאֹהָלִים: ו וְלֹא־נָשָׂא אֹתָם הָאָרֶץ לָשֶׁבֶת יַחְדָּו כִּי־הָיָה רְכוּשָׁם רָב וְלֹא יָכְלוּ לָשֶׁבֶת יַחְדָּו:

ת"א וגם נטע . ב"ק נג׳

בעל הטורים

(ו) ולא נשא . ב׳ במסרה . הכא ואידך ולא נשא דוד מספרם שהיה להם רכוש הרבה אין מספר:

רש"י

שם. ואשר קרא שם ח אברם בשם ה׳. וגם יש לומר ויקרא שם עכשיו בשם ה׳: (ה) ההולך את אברם. מי גרם שהיתה לו זאת ט הליכתו עם אברם: (ו) ולא נשא אתם. לא היתה יכולה להספיק מרעה למקניהם. ול׳ קצר הוא וצריך להוסיף עליו כמו ולא נשא אותם מרעה הארץ י לפיכך כתב ולא נשא בל׳ זכר:

שפתי חכמים

כלומר הנגב קאי על מגרים וק"ל: ח רלה לתרץ שלא תקשה כיון דכבר עשה מזבח וקרא שם א"כ למה נאמר ג"כ ויקרא שם אברם וגו׳ ל"פ ואשר קרא שם כו׳ ר"ל דקרא דולה להודיעך לאיזה מקום הולך למקום שקרא שם כבר בשם ה׳: ט דקשה לרש"י דהא לעיל כתיב וילך אברם וגו׳ וילך עמו הנגבה: י דקשה לרש"י דהרי הארץ ל׳ נקבה וא"כ לא הל"ל נשא לשון זכר ופ"ק וכי אפשר זה שהארץ אינה יכולה לקבל ולישא בני אדם ל"פ להספיק מרעה ר"ל דנשא קאי אמרעה ומרעה לשון זכר:

פירוש לתורת אלהים

וַיִּקְרָא שָׁם אַבְרָם בְּשֵׁם יְיָ אונ וואס אַבְרָם האָט דאָרט גירופין גאָטס נאָמען כְּלוֹמַר צו דעם אָרט האָט ער זיך גיצויגין אָדער מען קאָן אַזוי זאָגין (וַיִּקְרָא שָׁם אַבְרָם בְּשֵׁם יְיָ) אַצוּנְדֶערְט האָט אַבְרָם אויף דעם זעלבין אָרט נאָך אַמאָהל גיטאָהן רופין גאָטס נאָמען: (ה) וְגַם לְלוֹט הַהוֹלֵךְ אֶת אַבְרָם אונ אויך צו לוט וואס ער איז גיגאַנגען מיט אַבְרָם הָיָה איז גיוועזן צֹאן וּבָקָר וְאֹהָלִים שאָף אונ רינדער אונ גיצעלטין, (רש"י שרייבט דרום שטייט וְהַהוֹלֵךְ אֶת אַבְרָם) צו ווייזין אַז דאָס וואָס לוט איז גיגאַנגען מיט אַבְרָם האָט גורם גיוועזן אַז לוט האָט אויך אַלץ דאָס גוטס גיהאַט: (ו) וְלֹא נָשָׂא אוֹתָם הָאָרֶץ אונ דיא ערד האָט זייא ניט גיקענט טראָגין לָשֶׁבֶת יַחְדָּו זייא זאָלין צו זאַמען וואהנען כְּלוֹמַר דיא ערד האָט ניט גיקענט געבין גענוג פאשע פאר זייערע בְּהֵמוֹת וועגין כִּי הָיָה רְכוּשָׁם רָב וואָרום זייער גוטס איז גיוועזן פיל וְלֹא יָכְלוּ לָשֶׁבֶת יַחְדָּו אונ ווארום האָבין זייא ניט גיקענט צו זאַמען וואהנען מיט זייא:

ספר הישר

גאָלד אונ בריליאַנטין שעפסין רינדער קנעכט דינסטען אונ דער מֶלֶךְ האָט גיבעטין אונ מען האָט געבריינגט אַבְרָהָמ׳ען אין דעם קעניגליכען הויף אין אַשיינע וואהנונג, אונ דער מֶלֶךְ האָט די נאַכט גרויס געמאַכט אַבְרָהָמ׳ען, אונ ווי דער מֶלֶךְ איז געקומען נאַכט צו שָׂרָה אונ האָט אויסגעצויגין די האַנט איר אָן־צו־רירען, האָט אים דער מַלְאָךְ שטאַרק גישלאָגין אונ ער איז שטאַרק דערשראָקין גיוואָרין, אונ ער איז אַוועק געגאַנגען פון איר, אין אַקורצע צייט שפּעטער איז פַּרְעֹה נאָך אַמאָהל צו געגאַנגען צו שָׂרַי אונ האָט איר גיוואָלט אָנרירען, האָט אים דער מַלְאָךְ גיוואָרפין אויף די ערד אונ האָט איהם גישלאָגין, אונ אַזוי איז גיוועזן די גאַנצע נאַכט, אונ דער מֶלֶךְ איז

יווען

תרגום　　נביאים ישעיה מא

להמשיך מנ"ה דו"א צבאות נפש צ צב צבא צבאו צבאות רוח יהוה נשמה דנצח אדני נשמה דהוד יהוה חית יחידה דנצח יהוה חיה יחידה דהוד אל שם ב"ן שבעשיה:

• עִנְוְתָנַיָא וַחֲשִׁיכַיָא דִמְחַמְדִין לְאוּלְפָנָא הָא כִּצְחִיָא לְמַיָא וְלָא מַשְׁכְּחִין רוּחֵיהוֹן בִּסְגוּפָא מְשַׁלְהַיָא אֲנָא יְיָ אֲקַבֵּל צְלוֹתְהוֹן אֱלָהָא דְיִשְׂרָאֵל לָא אֲרַחֲקִנוּן: ב אֲקָרֵב גָלְוָתְהוֹן מִבֵּינֵי עַמְמַיָא וְאֶדְבְּרִנוּן בְּאוֹרַח

א הָעֲנִיִּים וְהָאֶבְיוֹנִים מְבַקְשִׁים מַיִם וָאַיִן לְשׁוֹנָם בַּצָּמָא נָשָׁתָּה אֲנִי יְהוָה אֶעֱנֵם אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל לֹא אֶעֶזְבֵם: ב אֶפְתַּח עַל־שְׁפָיִים נְהָרוֹת וּבְתוֹךְ

רש"י　　מצודת דוד

(א) מבקשים מים. זו התורה: נשתה. יבשה: (א) העניים כו׳. בני הגלות כשיטוכו לארזם דרך המדבר יבקשו מים ולא ימצאוהו: בצמא. בעבור הצמאון כלשו נשתק לגוכס ממקומו: אענם. כדבר שאלתם על המים: (ב) על שפיים. במקומות הגבוהים אוליך נהרות עם כי אין

אִתְבְּזִיעוּ וּשְׁמַיָּא צָעֵי מְטַלָּא׃ ג בְּרִי לָא נְזַל בְּעֵינָךְ נְטַר מַרְעָא וְתַרְעִיתָא׃ ד וְיֶהֱוֹון חַיֵּי לְנַפְשָׁךְ וְחִסְדָּא לְצַוְרָךְ׃ ה הֵידֵין תֵּיזִיל בִּסְבַרָא בְּאָרְחָתָךְ וְרִגְלָךְ לָא תִתְקַל׃

תְּהוֹמוֹת נִבְקָעוּ וּשְׁחָקִים יִרְעֲפוּ־טָל׃ ג בְּנִי אַל־יָלֻזוּ מֵעֵינֶיךָ נְצֹר תֻּשִׁיָּה וּמְזִמָּה׃ ד וְיִהְיוּ חַיִּים לְנַפְשֶׁךָ וְחֵן לְגַרְגְּרֹתֶיךָ׃ ה אָז תֵּלֵךְ לָבֶטַח דַּרְכֶּךָ וְרַגְלְךָ לֹא תִגּוֹף׃

רש"י

(כ) ירעפו. יטפו: (ג) אל ילוזו. אל יתעקמו מנגד עיניך: (ה) לא תגוף. לא תכשל:

מצודת דוד

הם המעיינות הנובעים מתחת: ושחקים. מוסב על בדעתו לומר בדעת התורה יעיפו השמים טל: (ג) אל ילוזו. הואיל וחשובה היא ג"כ מהראוי שאל יסורו מנגד עיניך: נצור תושיה ומזימה. ר"ל שמור התורה במעשה ובמחשבה: (ד) ויהיו. שמירת המעשה והמחשבה יהיו סיבה להביא חיים לנפשך ולהלביש לגרונך כחן: (ה) אז. כשתהיה נשמר במעשה ובמחשבה אז תלך לבטח בדרכיך כי אין מחריד: לא תגוף. לא תוכה כאבני מכשול המושלכים בדרך ר"ל לא תאונה אליך רעה:

פירוש ע"ט

גאט האט געוואוסט וואס די וועלט וועט דארפין, אמאהל שלעכט אונ אמאהל גוט, איז אמאהל געווען אצייט די אבגערונדין זאלין זיך שפאלטין עפענען אונ ברייננען אפארפלייצונג אויף דער וועלט, אונ אמאהל איז געווען אצייט וּשְׁחָקִים יִרְעֲפוּ טָל פון די הימלען זאל רעגען טאה, דאס געהער אלץ צו די מעשים פון די מענטשין: (ג) בְּנִי אַל יָלֻזוּ מֵעֵינֶיךָ מיין זוהן די תורה אונ מצות זאלין זיך ניט אוועק קרימען אוועק פון דיינע אויגין, זייא זאלין שטענדיג שטיין פאר דיינע אויגין נְצֹר תֻּשִׁיָּה וּמְזִמָּה דו זאלסט היטען דיינע מעשים זייא זאלין זיין וויא די תורה האט געבאטין, אונ זאלסט היטען דיינע טראכטונג זייא זאלין זיין הייליג: (ד) וְיִהְיוּ חַיִּים לְנַפְשֶׁךָ זייא ווערין זיין דאס אמתה לעבין צו דיין נשמה וְחֵן לְגַרְגְּרֹתֶיךָ אונ זייא ווערין געבין חן צו דיין האלדז, וואס דו וועסט ריידין צו דיא מענטשין וועט דאס זיין מיט חן, ווייל דעם אמתין צדיק האבין אלע ליב אויף דיא וועלט, אונ אין הימעל בייא אלע מלאכים איז זער געליבט: (ה) אָז תֵּלֵךְ לָבֶטַח דַּרְכֶּךָ אז דיינע מעשים ווערין זיין וויא דיא תורה האט געבאטין אונ דיינע טראכטונגען ווערין זיין הייליג אונ אמת אונ הערליך, וועסטו גיין דיין וועג זיכער אויף דער וועלט וְרַגְלְךָ לֹא תִגּוֹף אונ דו וועסט דיר דיין פוס ניט אנשטויסין, עס וועט דיר קיין אונגליק טרעפין, נאר דו וועסט גליקליך דיא וועלט דורך גיין:

עיקר תוי"ט | משנה זבחים פרק ג | ברטנורא

[א] בנשים. אינטריך משום דבשאר עבודות פסולות אפילו כהנות. תוספת: (א) הקשה הר"ר אפרים איך יתכן שיהי' כל כך סכין ארוכה מהר הבית עד עזרת ישראל קל"ה אמות ותירץ דמשכחת לה דשחיט דרך גגין ועליות דלא נתקדשו. תו': (ב) או אם שגג ונכנס לעזרה או שעבר ג"כ. הר"מ: (ג) וה"ה לשאר טמאים שאינם מטמאים כלים: (ד) ואע"ג דדם קדשים אינו מכשיר איכא הקודש מכשרת או כשהעבירה בנהר ועדיין משקה טופח עליה. תו':

כלי אמלעי להוד דמלכות דילירה א אל אלה אלהי אלהים

פרק ג א כל הפסולים ששחטו. שחיטתן כשרה שהשחיט' כשרה בזרים [א] בנשים ובעבדים ובטמאים אפילו בקדשי קדשים ובלבד שלא' יהיו טמאים נוגעים בבשר לפיכך הם פוסלים במחשבה

פרק ג א כל הפסולים ששחטו שחיטתן כשרה. וה"ה דאפילו לכתחלה שוחטין דכתיב ושחט את בן הבקר והקריבו בני אהרן הכהנים את הדם מקבלה ואילך מצות כהונה למד על השחיטה שכשרה בזרים ובפסולים ולא קתני ששחטו דמשמע דיעבד אין לכתחלה לא. אלא משום טמאים בלבד דטמא לכתחלה לא ישחוט גזירה שמא יגע בבשר וטמא ששחט בקדשים דכשרים לא ומשכחת לה אלא בסכינא אריכא (א) וכגון שהוא עומד חוץ לעזרה ושחט הבהמה שבתוך העזרה דהא שחיטת (ב) קדשים בעזרה הויא ואין טמא נכנס לעזרה ובנטמא בשרץ (ג) שאינו מטמא את הסכין דלאו אב הטומאה הוא או בטומאת מת וכגון שבדק קרומית של קנה ושחט בה אבל בסכין לא שטמא מת מטמא את הסכין להיות אב הטומאה כיוצא בו והסכין מטמא את הבשר: (ד) לפיכך הם פוסלים. את הקרבן: במחשבה. הואיל וראוין לעבודה זו מחשבתם מחשבה

פרק ג א כָּל הַפְּסוּלִים שֶׁשָּׁחֲטוּ שְׁחִיטָתָן כְּשֵׁרָה דיא אלע מענטשין וואס זענען פסול מקריב צו זיין אקרבן, אויב זיי האבין געשאכטין דעם קרבן, איז דער קרבן כשר שֶׁהַשְּׁחִיטָה כְּשֵׁרָה בְּזָרִים נוארום אישראל אדער אלוי מעג שעכטין אקרבן בְּנָשִׁים ווייבער וּבַעֲבָדִים קנעכט כנענים וּבִטְמֵאִים די מענטשין וואס זענען טמא, מעגין אויך שעכטין אקרבן אֲפִילוּ בְּקָדְשֵׁי קָדָשִׁים אפילו דיא קרבנות וואס זענען קדשי קדשים מעגין אויך שעכטין אזעלכע מענטשין וואס זענען פסול מקריב צו זיין דעם קרבן וּבִלְבַד שֶׁלֹּא יִהְיוּ טְמֵאִים נוֹגְעִים בַּבָּשָׂר נאר דיא מענטשין וואס זענען טמא זאלין זיין געהיט זייא זאלין ניט אנרירען דיא פלייש, זייא זאלין ניט מטמא זיין דיא פלייש [ועיין בהרע"ב] לְפִיכָךְ הֵם פּוֹסְלִים בְּמַחֲשָׁבָה דריבער ווייל זייא מעגין שעכטין אקרבן, אויב זייא טראכטין אשלעכטע מחשבה

